Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פרייז 20 גראשען. היינט 8 זייטען.

# נייער פאלקסבלאט

№ 133 | Łódź, Wtorek, 10 czerwca 1930 r. | אכטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, יד סיון תר״ץ | № 133

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# ענגלאנד זאל זיך אפזאגן פון א״י מאנדאט

## פעלקער-בונד און אמעריקע זאלען איהם איבערנעהמען?

לאנדאן, 9 (טעלעגראפיש דורך יט״א). די היינטיגע „מארנינגפאסט" ברענגט א סענסאציאנעלען באריכט פון איהר קארעספאנדענט אין גענף, לויט דעם דאזיגען באריכט האבען נישט־אפיציעלע אבער איינפלוסרייכע קרייזען אין דער פעלקער־ליגע פארלאנגט, אז ענגלאנד זאל זיך אפזאגן פון מאנדאט איבער ארץ־ישראל. דעם מאנדאט זאל איבערנעמען אדער דער פעלקער־בונד אדער א גרופע מלוכות צווישען וועלכע ס׳זאל זיך אויך געפינען אמעריקא.

גענף, 9 (יט״א טעלעגראפיש). אויף דער היינטיגער זיצונג פון דער מאנדאטען־קאמיסיע האט שילס אפגעגעבען אן ערקלערונג, אז די בריטישע פאליטיק בנוגע א״י וועט נישט געענדערט ווערען. ענגלאנד איז רעזידירט אויפצוהאלטען די ארדנונג אין לאנד. ענטפערענדיג אויף די אראבישע טענות, האט ער געזאגט, אז ס׳איז נישט ריכטיג די בעהויפטונג — ראס, אז די בריטישע רעגירונג בעציהט זיך פאזיטיוו צו די יודען און נעגאטיוו צו די אראבער. דאס נארמאלע ענטוויקלונג פון לאנד איז אפהענגיג נישט פון ענגלאנד, נאר פון דער לאנדעס בעפעלקערונג אין א״י גופא. די אראבישע פיהרער דארפען אננעהמען מיטלען, אז ס׳זאלען זיך נישט איבער׳חזר׳ן די אויגוסט־געשעהענישען; די יודען דארפען האבען מעהר צוטרוי צו די פערליכע הבטחות, וואס זענען זיי געגעבען געווארען וועגען שאפען א נאציאנאלע היים. ס׳איז נישט קלאר, די אונאויפהערליכע קריטיק בנוגע דער אדמיניסטראציע־טעטיגקייט אין א״י איז זי אין אויך נישט גערעכט. די יודען מוזען זיך אפגעבען א רעכענונג, אז די מאנדאטארען־מאכט האט זיך פערפליכטעט צו שאפען א יודישע נאציאנאלע היים אין א״י, אבער נישט קיין יודישע מלוכה.

גענף, 9 (יט״א טעלעגראפיש). היינט האט דער קאלאניען־מיניסטער שילס פערלאזט גענף און איז אפגעפאהרען קיין לאנדאן. אין גענף זענען פערבליבען לוק, קלאוזאן און דאיד. מארגען זאל זיך שליסען די אויסערגעוועהנליכע סעסיע פון דער מאנדאט־קאמיסיע און ס׳וועט זיך אנהויבען די נארמאלע סעסיע אויף וועלכער ס׳וועט צוו. אנד. בעטראכט ווערען דער ענגלישער באריכט וועגען די אויגוסט־געשעהענישען און דער באריכט פאר׳ן יאהר 1929. ווי בעקאנט זענען דער מאנדאט־קאמיסיע צוגעשטעלט געווארען א באריכט פון דער רעגירונג און א מעמאריאל פון דער יודישער אגענץ.

גענף, 9 (ספ. טעל.) די היגע פרעסע ערקלערט, אז ענגלאנד בעמיהט זיך, צוליב דער זעהר נישט־גינסטיגער שטעלונג צו איהר מצד דער מאנדאט־קאמיסיע, צו געפינען א וועג אויף א בערטערן די זיצונג און בעשטימען א נייעם טערמין פאר א בעסערער אטמאספערע פאר דער ענגלישער רעגירונג.

גענף, 9 (ספ. טעל.) די רעזאלוציע פון דער מאנדאט־קאמיסיע פון פעלקער־בונד וועגען ארץ־ישראל איז נאך נישט פערעפענטליכט. אבער מע ווייסט שוין, אז זי ענטהאלט עטליכע נישט גינסטיגע פונקטען פאר יודען.

קופאן 7

צווייטע סעריע

פון גרויסען פרעמיען-קאנקורס

פון „נייעם פאלקסבלאט"

כדי זיך צו בעטייליגען אין דער 2. סעריע פון פרעמיען־קאנקורס, איז גענוג צו צושטעלען בלויז 20 קופאנען

שנייד אויס דעם קופאן!

דער קעניג פון די וועלט-חזנים, ר' גרשון סיראטא

אין זאל פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20

דעם 13/6 און דעם 14/6, פ׳ בהעלותך, פרייטאג, 8.30 אוונט צו קבלת שבת און שבת פריה, 9 אזייגער — שחרית און מוסף, וועט דאווענען דער בעריהמטער אין אלע וועלט־טיילען, דער חזן איבער אלע חזנים

ר׳ גרשון סיראטא

פאר זיין אפפאהר נאך אמעריקא אויף ימים נוראים.

גרשון סיראטא וועט אויספיהרען זיינע נייעסטע קאמפאזיציעס מיט׳ן אנטייל פון דעם בעריהמטען לאדזער פראפעסיאנעלען גוט איינשטודירטען כאר אונטער דער לייטונג פון דעם יונגען טאלאנטפולען מוזיקער ה׳ גערץ רובין.

פערזעהט אייך מיט בילעטען. ביליגע פרייזען! בילעטען פערקויף: 1) אין זאל פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20, 2) ביי ה׳ י. זעלמאנאוויטש, עקע פיאטריק. און פאלודנ., 3) און ביי ה׳ דיאמאנט, נאוואמיעסקא 24 (װאורסט-געשעפט).

בעמערקונג: פאר פרויען בעזונדערע רעזערווירטע פלעצער.

17235

wytwórnia · zmechanizowanych · domów · wnętrz · i · urządzeń

"go-go" sp. z ogr. odp.

łódź · ul. moniuszki · 2

pod kierown. i według projektów pracowni architektonicznej inżyniera — architekta adolfa goldberga

TEL. 190-09.

meble

בעקאנטמאכונג.

דער לאנג־יעהריגער בעוואוסטער

גלאט כשר׳ער רעסטאראן

און האטעל פון צ. ראזענבלום

38 פיעטריקאווער 38

גיט ארויס מעגליך מיטאגען פון 2.50 זל. און ווי אויך פריהשטיק און אווענדברויטען צו ביליגע פרייזען. — צו ביליגע פרייזען.

בעמערקונג: דער האטעל איז געווארען גרינדליך רעמאנטירט און מען בעקומט שעהנע און בעקוועמע צימערן צו ביליגע פרייזען. די פירמע עקזיסטירט פון 1902 יאהר.

מיט אכטונג צ. ראזענבלום

38 פיעטריקאווער 38, טעל. 02-111.

אכטונג, בעקער-מייסטער!

מיטגלידער און נישט-מיטגלידער!

היינט, דינסטאג, דעם 10-טען ד.ח. פונקט 7 אוונט קומט פאר

זעהר א וויכטיגע פערזאמלונג.

אויף דער טאג־ארדנונג שטעהען די פראגען וועגען 1 פראצ. פאר בעקער, ווי אויך זעהר וויכטיגע פאך פראגען.

צוליב דעם, וואס די אויבענדערמאהנטע פראגען זענען זעהר וויכטיגע, דארפען די מיטגלידער אונבעדינגט פינקטליך צו קומען.

די פערוואלטונג.

7117

Dr. Donchin

ספעציאליסט פאר אויגען־קראנקהייטען

צוריקגעקעהרט

מאניושקי 1, טעל. 209-97

נעמט אן פון 9–1 מיטאג און פון 4–7 אוונט.

רעכער

מאשינאווע ווערען אויסגענעהט

נארדמאן ציגעלגאס 29

Dr. med. J. BETTE

ספעציאליסט פון אינערליכע און קינדער־קראנקה.

Piotrkowska 6, tel. 44-95

נעמט אן פון 8–11 פארם. און פון 4–6 נאכמ.

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט דאס ג׳ פובליקום, אז דינסטאג דעם 10 יוני ד. י. קומט פאר די ערעפנונג פון ניי־רעסטאראנט רעסטאראן אויף וושכאדניא 34

און ס׳וועט ארויסגעגעבען ווערען די געשמאקהאפטסטע און כשר׳ע מיטאגען פון 1.50 זל. און סאלידע בעדינונג. קומט און איבערצייגט אייך.

מיט אכטונג ה. ראטשטיין

רעסטאראן־בעזיצער וושכאדניא 34.

היינט פרייט זיך גאנץ לאדז

מיט דער ערעפנונג פון דעם נייעם ערשטקלאסיגען יודישן שטרענג

כשר׳ן רעסטאראן

וואו עס טעט ווערען ארויסגעגעבען היימישע געשמאקהאפטע מיטאגען

צו ביליגע פרייזען.

קומט פערזענליך און איבערצייגט אייך, ווייל דער רעסטאראן געפינט זיך אונטער דער לייטונג פון בעוואוסטען פאכמאן און אינהאבער הערמאן לעווינסקי.

נעפינט זיך דעם ארעם לאדז, וושכאדניא 39, פראנט, 2. שט.

וושכאדניא 39

Wschodnia 39

